בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל מֶען גֶעבְּן כָּשֶׁר׳עֶ וִוידִיאָס פַּאר קִינְדֶער? ........................ א

וִוי אַזוֹי הָאט מֶען אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף? ........................ ג

וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַּאר מַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ שֶׁעְרְן דִי הָאר? ........................ ד

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ? ........................ ח

אִיךְ הָאבּ צוּפִיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַלֶעס בֶּעטְן? ........................ ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶערְצֵייל פַּאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים ........................ א

מְסַיֵם זַיין חוּמָשׁ רַשִׁ״י אוּן צוּגָאבּ צוּ אַ פְּרִישֶׁע פֵירוּשׁ יֶעדֶעס יָאר ........................ א

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ ........................ ב

מַאכְן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ חֲתוּנָה אָן קַיין זַייטִיגֶע הוֹצָאוֹת ........................ ג

אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט פַּאר עֶסְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער מִיטְבְּרֶענְגֶען עֶסְן ........................ ד

בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ ד

נֶעמְט אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז אַייךְ צוּם הַארְצְן ........................ ה

אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף מֵיידְלֶעךְ וָואס מֵיינֶען אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ קְנַס......... ו

קוּק אוֹיף דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע......... ח

אוּנְזֶער קְהִלָּה אִיז גֶעבּוֹיעֶט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצוּוַוארְפְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ......... י

אַזוֹי שְׁנֶעל הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן וָואס דִי בְּרִיוֹת הָאבְּן דִיר גֶעהָאלְפְן?......... יב

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...טו

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן......... טז

נִישְׁט מַאכְן קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים אִין שׁוּלֶע......... יז

לִיבּ הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן......... יח

שֶׁעץ דִי צְנִיעוּת אוּן אֵיידְלְקֵייט פוּן דַיין וַוייבּ......... יח

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ......... יט

דִי טְרַאנְסְפָּארְטַאצִיעֶ מוּז זַיין צַייטְלִיךְ......... כ

אַז דוּ וֶועסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס......... כ

שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ......... כב

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַייעֶר הָאר וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת......... כג

רֶעד מִיט דַיין זוּן'ס מְלַמֵּד לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ......... כג

אַ שְׁטוּבּ וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים......... כד

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ......... כה

שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי שִׁיעוּרִים......... כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל מֶען גֶעבְּן כָּשֵׁר'ע ווידִיאָס פַאר קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ סְגַן מְנַהֵל אִין אַ מוֹסָד פַאר קִינְדֶער פוּן נֶערְסֶערִי בִּיז כִּיתָּה ד', אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן נֵייעֶ חִידוּשִׁים ווִי אַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער.

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אִיז דָא אַ פְּרָאגְרַאם דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין וואוֹיל אִינְדֶערְהֵיים, אַז מֶען שִׁיקְט אַהֵיים יֶעדֶע וָואךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס הַאלְט דִי קִינְדֶער פַּארְנוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוּנְז זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם, אוֹיךְ שִׁיקְן מִיר סִידִי'ס פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים.

לֶעצְטְנְס הָאבְּן עֶלְטֶערְן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דִי מוֹסָד קֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן ווִידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן פוּן דִי פַּרְשָׁה, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע וִיכּוּחַ צִי מֶען זָאל עֶס טוּן אָדֶער נִישְׁט, טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז אַזוֹי ווִי רוֹב עֶלְטֶערְן ווַייזְן מִמֵּילָא אִידִישֶׁע פְלֶעִיס וְכַדוֹמֶה פַאר דִי קִינְדֶער - אִיז יָא כְּדַאי אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן עֶרְלִיכֶע ווִידִיאָס, אָבֶער אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס קוּמְט אָפִיצִיעֶל פוּן דִי מוֹסָד גֶעבְּט עֶס אַ בְּלִיק כְּאִילוּ ווִידִיאָס אִיז מֻתָּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז יָא אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, ווַייל אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער, ווִיל אִיךְ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֵייעֶ חִידוּשִׁים?! וָואס פַאר אַ נֵייעֶ חִידוּשִׁים? מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ קַיין נֵייעֶ וֶועגְן, מִיר גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסד; שצב): "אִיךְ פִיר אַייךְ אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג וָואס אִיז אַן אַלְטֶער וֶועג, אוֹיף דֶעם וֶועג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ".

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ מְנַהֵל טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מְנַהֵל. אַ מְנַהֵל וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי מְלַמְּדִים - וֶועלְן זֵיי אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, זֵיי וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר אַרְבֶּעט. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער טֶעגְלִיךְ פַאר אַלֶע דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי אֲפִילוּ אַ וָוארְט צְוֵויי, דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן מוּט אָנְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מְלַמֵּד - דָאס אִיז אַ בִּיטֶער שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. רוֹב מָאל ווֵייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער; דִי עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצֶע וָואךְ, זֵיי ווֵייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל קִינְדֶער, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען מְחַזֵּק זַיין אִיז דֶער מְנַהֵל.

וַוייז נִישְׁט פַאר קִינְדֶער קַיין שׁוּם מָאווִי"ס אוּן קַיין שׁוּם ווִידִיאָס, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִידִישֶׁע אָדֶער חֲסִידִישֶׁע; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וַוייזְן מִמֵּילָא פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דָאךְ עֶרְשְׁט אַ סְבָרָא נִישְׁט צוּ וַוייזְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין אַפָּאר מִינוּט אִין חֵדֶר גֶעזוּנְט אוּן זֶען זַאכְן פָארְן, קוּמֶען, גֵייעֶן וְכוּ'; קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ הַייקֶעלֶע מֹחַ, דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

וַוייז נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד

תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר הָאט מֶען גֶעוִויזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ וִוידִיאָ אוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן חִינוּךְ.

הֶער נִישְׁט אוֹיס מָאדֶערְנֶע חֲסִידִים; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס אוּנְזֶערֶע רֶבִּי׳ס הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי הָאט מֶען אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן הֵיילִיג, בִּקְדוּשָּׁה.

אִיז בִּכְלַל דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גָארְנִישְׁט זִינְדִיגְן? אוּן אוֹיב יָא וִוי אַזוֹי קוּמְט צוּ אַ מַדְרֵיגָה אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בִּקְדוּשָּׁה אָן קַיין דוּרְכְפַאל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יד.): ״כָּל הַמַּשְׂבִּיעַ עַצְמוֹ מִדִּבְרֵי תּוֹרָה״, וֶוער עֶס זֶעטִיגְט זִיךְ אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ״וְלָן״, עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זַאטֶערְהֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, - ״אֵין מְבַשְּׂרִין אוֹתוֹ בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת״, וֶועט שְׁלָאפְן אַ גוּטֶע שְׁלָאף, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, כג): ״וְשָׂבֵעַ יָלִין״, וֶוער עֶס גֵייט שְׁלָאפְן זַאט פוּן דִי תּוֹרָה, ״בַּל יִפָּקֶד רָע״, וֶועט נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; בְּמִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה

וְאַגָּדָה - וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גְרִינגֶערְהֵייט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - דָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק כב מֵהִלְכוֹת אִסּוּרֵי בִּיאָה, הֲלָכָה כא) דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען נָאר: "בְּלֵב פָּנוּי מִן הַחָכְמָה" - אִין אַ לֵיידִיגֶע הַארְץ; אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הִיט דִי תּוֹרָה אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אוּן וֶוערְן טָמֵא. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה", אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט דִיר אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, "מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ", שְׁלֶעפּ אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה וָואס אִיז אַ פַאנְצֶער פַאר'ן יֵצֶר הָרָע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אִים, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוּן אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה - וֶועסְטוּ זַיין אוּנְטֶער אִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ שֶׁערְן דִי הָאר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן אַ דַאנְק פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ אוֹיף דִי פִילֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דִי לֶעצְטֶע פָאר יָאר וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע אוּן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ פוּן גָאר אַ גוּטֶע שְׁטוּב. זִי הָאט אָבֶּער גֶעלֶערְנְט אִין אַ שׁוּלֶע וָואס דָארְט אִיז דִי מְסוֹרָה אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט

גֶערֶעדט דָארט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ. אִין צוּגַאבּ וואוֹינֶען מִיר אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע גֶעגְנְט, פוּל מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער בַּיי זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אַסַאךְ פוּן אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט, דָאס מַאכְט זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ דָאס זִיךְ שֶׁערְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט זִי מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם וָואס זִי וִויל בֶּאֱמֶת זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן וַוייל זִי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט מְצַעֵר זַיין, אָבֶּער אֵיין טָאג אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ מַעֲשֶׂה וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זִי זָאל מִיר אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר אִיר, מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִי אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי וָואלְט גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן אַ מֵיידְל פַאר נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר אַבִּי זִיךְ נִישְׁט צוּ דַארְפְן שֶׁערְן, אוּן זִי קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין גַאנְצֶע עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת בַּיי אִידְן וואוּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז בְּלוֹיז וַוייל מִיר זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי קְהִלָּה, נָאר דֶערְפַאר מוּזְן מִיר זִיךְ יָא שֶׁערְן, אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי הַארְבּ.

אִיךְ הָאבּ מִסְתָּמָא נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מִסְתָּמָא אִיז עֶס טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סְפָרִים אַז דֶער עִיקָּר אִיסוּר אִיז וַוייל אוֹיבּ הָאט מֶען הָאר וֶועט מֶען עֶס אוֹיפְדֶעקְן, אוּן אִיךְ וֵוייס אוֹיף זִיכֶער אַז בַּיי מַיין וַוייבּ וֶועט דָאס נִישְׁט פַּאסִירְן. אוּן דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשׁוֹירְן, אוּן דַאן הָאט זִי מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אוּן אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָוארְן פִיל בֶּעסֶער.

בְּקִיצוּר, עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַסַאךְ צַייט זַייט דֶעמָאלְט, עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הָאט זִי זִיךְ וִוידֶער גֶעשׁוֹירְן אוּן וִוידֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן דֶערְנָאךְ וִוידֶער נִישְׁט גֶעשׁוֹירְן אוּן גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אוּן אַזוֹי אַהִין אוּן צוּרִיק. פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען תְּשׁוּבוֹת אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוּנְזֶער מְסוֹרָה זֵייעֶר שְׁטַארְק יָא צוּ שֶׁערְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט בְּרִיוו אוֹיךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי זַאךְ.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז בֶּעסֶער מוּתָּר צוּ זַיין אוֹיף דִי מְסוֹרָה, עֶנְדֶערְשׁ וִוי אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע וָואס קֶען בְּרֶענְגֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֲבֵירוֹת? אֶפְשָׁר אִיז גָאר יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר'ן יָא בְּרֶעכְן דִי מְסוֹרָה אִין אַזַא פַאל?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען אַ צְוֵוייטְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַ וַוייבּ; זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען אַרוֹיס וֶוען מֶען בַּאצְווִינְגְט אַ וַוייבּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק אִין שְׁטוּבּ אוֹיף זַיין וַוייבּ, "שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה הֵטִיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה, וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל", וַוייל דִי מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה, ווִי צֶוענְדְלִיגֶער טוֹיזֶנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעהַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט דֶעם וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעלֵייגְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ, "סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת: גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים אוּן חִלּוּל שַׁבָּת.

קֵיינֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דוּרְךְ בַּאצְווִינְגֶען דִי וַוייבּ; וָואס אִיז יָא שַׁיָּיךְ צוּ טוּן? שֵׁיין רֶעדְן. שֵׁיין רֶעדְן קֶען מֶען יָא, שֵׁיין רֶעדְן דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ כַּלָּה נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיר אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אָן דֶעם וָואס זִי זָאל וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, זֵיי דֶערְצֵיילְן וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, זֵיי דֶערְצֵיילְן דָאס חֲשִׁיבוּת אוּן שְׂכַר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר דִי פְרוֹיעֶן, דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר,

׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳, זִיךְ שַׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא׳, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב. ׳מַאן גָּרִים דָּא?׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׁעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר״, דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁטוּב זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג. מִיט תְּפִלָּה וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוֹישְׁן:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין מַיין וַוייבּ, זִי זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִיר הָאר זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעדֶעקְט; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה.) אוֹיף אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, אַז זִי אִיז גוֹרֵם עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זָאל זַיין אִין אִיר שְׁטוּב.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט וֶוען זִי טְרַאכְט פוּן זִיךְ שֶׁערְן? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אַז זִי שֶׁערְט זִיךְ - אִיז זִי דֶערְבִּיטֶערְט, אַז זִי שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אִיז זִי פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אִיךְ וִויל דָאךְ יָא זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? פוּן אֵיין זַייט וִויל אִיךְ אִיר נִישְׁט וַויי טוּן, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ טוּן דַיין וִוילְן אוּן אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זִי טוּט עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטְקֵייט, זִי וֵוייסְט פְּשׁוּט נִישְׁט דִי שֵׁיינְקֵייט דֶערְפוּן. אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן מִיט אִיר, אַז זִי זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע הַדְרָכָה ווי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, נִישְׁט לַאנְג נָאךְ דִי חֲתוּנָה, און אִיךְ זֶע אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט קְלָאר נָאר בְּרֶמֶז וֶועגְן צְנִיעוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס וָואלְט יָא גֶעדַארְפְט זַיין אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע הַדְרָכָה, וָואס יָא און וָואס נִישְׁט, אִיז מַיין שְׁאֵלָה ווי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי וֶועג ווי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן דַארְף זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה; לֶערְן אַסַאךְ גְמָרָא - וֶועסְטוּ זֶען ווי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים און אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ. הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין מַדְרִיכִים וָואס זֶענֶען מַדְרִיךְ חֲתָנִים און כַּלּוֹת קֶעגְן דִי תּוֹרָה; זֵיי לֶערְנֶען פְּרִישׁוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן. פְּרִישׁוּת אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, פְּרִישׁוּת אִיז אַן עֵצָה אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים"), אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ. עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בְּעִנְיָנִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת טָהֳרָה צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין

**קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶער וָוען מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ׳ און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר וַוייזְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וָואס צוּ טוּן; שְׁרַייּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁרִיגְן און גֶעבֶּעטְן** (תְּהִלִּים פו, יא): **"הוֹרֵנִי ה׳ דַּרְכֶּךָ", לֶערְן מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעם וֶועג, "אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ", אִיךְ זָאל גֵיין מִיט דִי אֱמֶתְ׳עֶ וֶועג, "יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ", מַאךְ מַיין הַארְץ זָאל נָאר גֵיין מִיט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן** (שָׁם קיט, לה): **"הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֹתֶיךָ", הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, "כִּי בוֹ חָפָצְתִּי", נָאר דָאס אִיז מַיין ווִילְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## אִיךְ הָאב צוּפִיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַלֶעס בֶּעטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פֶערְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי זְכוּת אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, און דָאס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן, סְפֶּעצִיעֶל דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וָואס אִיז מַמָּשׁ דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

אִיךְ הָאב אָבֶער אַ פְּרָאבְלֶעם אַז וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט מִיר גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ אַ לַאנְגֶע לִיסְטֶע פוּן זַאכְן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף בֶּעטְן, אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, אָבֶער ס'וֶוערְט שׁוֹין צוּ סַאךְ און לַאנְג און אִיךְ פַארְלִיר דִי אַפֶּעטִיט.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, ווייל אָן תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען גָארְנִישְׁט, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס אָבֶער צוּ סַאךְ און לַאנְג. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, נֶעם נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מַאךְ זִיךְ אַ ״תְּפִלָּה צֶעטְל״, זַיי זִיךְ מְסַדֵּר אַלֶעס וָואס דוּ ווילְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דֶעם סֵדֶר, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל.

גֶעוֶוענְלִיךְ מַאכְט מֶען זִיךְ אַ צֶעטְל, מֶען שְׁרַייבְּט אַרָאפּ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מְסַדֵּר זַיין בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג; אַז נִישְׁט, מַאכְט זִיךְ אַז מֶען פַארְגֶעסְט גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען נֶעמְט דֶעם צֶעטְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס מֶען דַארְף אַלְץ טוּן, וָואס דַארְף אַלְץ וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט; אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן מִיט תְּפִלָּה. מֶען מַאכְט זִיךְ אַ ״תְּפִלָּה צֶעטְל״, מֶען אִיז מְסַדֵּר קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ וָואס מֶען דַארְף אַלְץ עֶרְלֶעדִיגְן, וָואס מֶען וִויל אַלְץ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן וָואס מֶען וִויל טוֹישְׁן אוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל וֶועלְן אוּן גְלִיסְטְן, דָאס אַלֶעס שְׁרַייבְּט מֶען אַרָאפּ אִין רָאשֵׁי פְּרָקִים, אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ סֵדֶר.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין סֵיי וִוי אַלְצְדִינְג, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען דָא וִוילַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ, מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס אוּן אִיז אַלֶעס - דֶעמָאלְט פֶעלְט גָארְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רנ): ״כָּל מִינֵי צַעַר וְכָל הַיִּסּוּרִים אֵינָם רַק מֵחֶסְרוֹן הַדַּעַת״, אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע יְסוּרִים אִיז נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, ״כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ דַּעַת וְיוֹדֵעַ שֶׁהַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין לוֹ שׁוּם יִסּוּרִין, וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ שׁוּם צַעַר״, וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין יְסוּרִים אוּן קַיין שׁוּם צַעַר, אֲפִילוּ דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען אִיז קְרַאנְק, זָאגְט דֶער רֶבִּי - ״אַף עַל פִּי כֵן הַיִּסּוּרִים קַלִּים מְאֹד וְנוֹחִים

לְהִתְקַבֵּל", עֶס אִיז גְרִינְגֶער דִי יְסוּרִים, מֶען קֶען עֶס גְרִינְגֶער פַארְטְרָאגְן, "בְּעֵת שֶׁיּוֹדֵעַ בְּדַעַת בָּרוּר שֶׁהַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר טוּט אַלֶעס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶערְפַּאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נְקוּדָה; דוּ זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵּיגָא.**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן זֵייעֶר הַנָּאָה פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים מִיט פִיל חִיזּוּק אִין אֱמוּנָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים בְּרֶענְגְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רלד): וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים בְּרֶענְגְט עֶס מוֹחִין דְגַדְלוּת, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּתְ׳ן, פוּן קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגְקֵייט, וָואס פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת קוּמֶען אַלֶע צָרוֹת; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט לִיבּ וָואס עֶר זָאגְט אוּנְז צוּ טוּן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

### מְסַיֵּם זַיין חוּמָשׁ רַשִׁ״י אוּן צוּגָאבּ צוּ אַ פְרִישֶׁע פֵּירוּשׁ יֶעדֶעס יָאר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ אִיז גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ וִוי אַזוֹי מֶען

נייעט - זָאל זי זיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט מָרַת ... תְּחִיֶ׳, זי אִיז גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי סְקוּל. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ רֶעדְן מִיט אִיר זִי זָאל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מִיט דַיין וַוייבּ תְּחִיֶ׳ וֶוען צוּ קוּמֶען, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דִי פַּאךְ, זֵיי זָאלְן קֶענֶען נֵייעֶן.

הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערפְרֵיידְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, רַמְבַּ"ן אוּן כְּלִי יָקָר; יֶעדֶעס יָאר בִּיסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט אֵיינֶע פוּן דִי פֵּרוּשִׁים אוּן לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הָאסְטוּ גֶענוּמֶען אֵיינֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים, פוּן דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם סֵדֶר, יֶעדֶעס יָאר נֶעמְט מֶען נָאךְ אַ סֵפֶר - קֶען מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ אַרִיבֶּערְגֵיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זַיי מְחַזֵּק דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֶס זָאל זַיין אַ מָקוֹם פוּן תּוֹרָה; אִיךְ וִויל דֶער שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ מָקוֹם פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

...

## זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען.

אַז דוּ וִוילְסְט מַצְלִיחַ זַיין זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס; קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ אוֹיפְלֶעבְּן דֶעם שְׁטֶעטְל אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט וֶועלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען.

אוֹיךְ אוֹיף דֶער נַאכְט זָאלְסְטוּ קוּמֶען לֶערְנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יוֹחָנָן: "אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן חוּץ לָאָרֶץ אֲרִיכוּת יָמִים?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מְקַדְּמִי וּמְחַשְּׁכִי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא", וַוייל זֵיי זֶענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים אִינְדֶערְפְרִי אוּן אוֹיף דֶער נַאכְט; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן נב): "יַקְדִּים וְיַחְשִׁיךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת", מֶען זָאל קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, "עַל יְדֵי זֶה יַאֲרִיךְ יְמֵי בָּנָיו", דוּרְכְדֶעם וֶועלְן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא אָדֶער דִיר אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס; אַז דוּ דַארְפְסְט אַ חַבְרוּתָא וֶועל אִיךְ דִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ חַבְרוּתָא.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ הֶערְן אַז אִין שְׁטֶעטְל אִין שׁוּל אִיז אַ מָקוֹם תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט.

...

## מַאכְן אַ פָּשׁוּט'עֶ חֲתוּנָה אָן קַיין זַייטִיגֶע הוֹצָאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְחוּתָּנִים שֶׁיִּחְיוּ.**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אַ מִשְׁפָּחָה מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָּה פַאר אוּנְזֶער זוּן, הֶחָתָן הַמֻּפְלָג בַּתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיר זֶענֶען פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר אַז מֶען הָאט שׁוֹין קוֹבֵעַ גֶעוֶועןן דֶעם זְמַן הַחֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט שִׁיקְן קַיין מַתָּנוֹת; דֶער חָתָן דַארְף גָארְנִישְׁט, דֶער חָתָן אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין כַּלָּה תִּחְיֶ', עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ בַּת תַּלְמוּד חָכָם, דָאס אִיז בַּיי אִים דֶער עִיקָר, מֶער פוּן דֶעם דַארְף עֶר נִישְׁט; מִיר זֶענֶען פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, מִיר מַאכְן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי חֲתוּנָּה זָאל זַיין אִין יְשִׁיבָה, אָן קַיין שׁוּם הוֹצָאוֹת; אִיךְ הָאף אַז אִיר זֶענְט אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דֶעם. מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין חֲתוּנָּה בְּרִיוְוּלֶעךְ, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין שׁוּם זַייטִיגֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דֶעם פָּארְפָאלְק אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת פוּן זֵיי.

...

## אויב איז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט פַאר עֶסְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער מִיטְבְּרֶענְגֶען עֶסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ', סֶעקְרֶעטֶערִי.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן.

אוֹיבּ דִי שְׁטָאט גֶעבְּט גֶעלְט פַאר עֶסְן צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶער מוֹסָד וֶועל אִיךְ אַלֶעס טוּן עֶס זָאל קְלַאפְּן; מֶען קֶען אַלֶעס מַאכְן לוֹיט דִי גֶעזֶעץ, פְּרִישְׁטָאג, מִיטָאג אוּן נַאכְטְמָאל, סֵיי פַאר דִי בָּחוּרִים, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ.

אָבֶער אַז דִי שְׁטָאט וִויל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן שְׁטֶעל אִיךְ אָפּ פוּן הַיינְט דִי עֶסְן, אִיךְ וֶועל מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען עֶסְן מִיט זִיךְ.

אִיךְ הָאבּ פְּרִיעֶר גֶעזָאגְט פַאר הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל פְרֶעגְן אִין אָפִּיס אוֹיבּ דִי שְׁטָאט הֶעלְפְט מִיט עֶסְן, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט גֶעבּ אִיךְ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער "גָארְנִישְׁט".

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר ... אַז ... זוּן רוּפְט אוּנְז אִין קָארְט וַוייל מִיר זֶענֶען אִים שׁוּלְדִיג פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר אַנְדֶערֶע, אוּנְזֶער מוֹסָד טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט וֶועלְן מִיר נִישְׁט גֶעבְּן; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ מִיט בְּרֶענְגֶען עֶסְן.

לָאזְט מִיר וִויסְן וָואס מֶען טוּט וַוייטֶער.

...

## בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט גְלַייךְ דַיינֶע בְּרִיוו; זַיי מִיר

דַּן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, בִּפְרַט אָנְהֵייבּ יָאר וֶוען אִיךְ דַארְף מְסַדֵּר זַיין דִי מוֹסָד פַארְ'ן יָאר.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן נִישְׁט גוּטְס טוּן - אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן: "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה"; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז אַייךְ צוּם הַארְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', מָאנְטְרִיאַל.

נֶעמְט אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז אַייךְ צוּם הַארְצְן אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַ דָאקְטֶער וָואס וֶועט קוּמֶען מִיט אַייךְ אִין שְׁפִּיטָאל.

אַז דֶער דָאקְטֶער אִיז אַייךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן זָאלְט אִיר טוּישְׁן; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ פְרוֹי זָאל זַיין בַּאקְוֶועם מִיטְ'ן דָאקְטֶער, עֶס אִיז גֶענוּג דִי וֵוייטָאג וָואס מֶען הָאט וְכוּ', זָאל מֶען כָאטְשׁ מִיטְ'ן דָאקְטֶער זַיין בַּאקְוֶועם.

זָאגְט אַסַאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים; עֶס אִיז דָא אַ סֵפֶר שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וואוּ רֶבִּי נָתָן הָאט צַאמְגֶענוּמֶען נֶעמֶען פוּן אַלֶע צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן יט): "מִי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָשׁוּב בְּעֵינָיו, יִכְתֹּב בְּסֵפֶר כָּל שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וְהַתַּנָּאִים וְהַיְרֵאִים לְזִכָּרוֹן", בַּיי וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז חָשׁוּב, זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע צַדִיקִים.

זָאגְט אַסַאךְ דִי נֶעמֶען, דָאס אִיז מְסוּגָל אוֹיף גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִין לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית", דוּרְךְ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע, מֶען

קֶענְ פּוֹעֱלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַז אִיר ווילְט הָאבְּן גְרִינְגֶע חֲדָשִׁים, אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג - זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער אִיר װעט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ גְרִינְגֶער װעט אַלֶעס אָנְקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף מֵיידְלֶעךְ וָואס מֵיינֶען אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ קְנַס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ צְנִיעוּת, זֵיי הָאבְּן פַּיינְט צְנִיעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ קְנַס.

גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן - אִיז שֵׁיין, גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - אִיז זִיס; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶע'קַנְסְ'עֶט אַז מִיר דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, מִיר זֶענֶען בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער זָאגְט עֶר אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

מַיין קְלֵיין אִינְגְל פוּן אִיבֶּער אַ יָאר אַלְט אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ לָאז אִים נִישְׁט אָנְכַאפְּן דִי הָאר קֶערְלֶע"ר (אַן אַייזְן וָואס מֶען מַאכְט הֵייס צוּ קְרַייזְלֶען הָאר); אִיךְ זָאג אִים אַלְץ עֶר זָאל דָאס נִישְׁט אָנְרִירְן, אִיךְ נֶעם עֶס אַװעק פוּן אִים אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט רֶעדְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען זֶען ווִי עֶר ווִיל מִיר זָאגְן: 'הַלְוַאי װען קֵיינֶער זָאגְט מִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן'; נֶעכְטְן נַאכְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן דָאס גֶענוּצְט צוּ קְרַייזְלֶען הָאר אוּן גֶעלָאזְט אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט, מַיין קְלֵיין קִינְד הָאט דָאס אָנְגֶעכַאפְּט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּרִיט דִי הֶענְט; עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז אַלֶע הָאבְּן מִיט גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן פַאר יְסוּרִים, מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אִים צוּ בַּארוּאִיגְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַעַר.

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט װען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין בַּארוּאִיגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען

מֶעדֶעצִין, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל פְרֵיילִיךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוִויזְן דֶעם הָאר קֶערְלֶע״ר אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר דַארְף עֶס, ווי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעזֶען אִיז עֶר אַזוֹי וַוייט אַוֶועקְגֶעלָאפְן, מִיט אַזַא פַּחַד, מִיט אַזַא שְׁרֶעק; עֶר ווִיל שׁוֹין נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אַייזְן. אָבֶּער הֱיוֹת עֶר אִיז נָאךְ גָאר קְלֵיין, עֶר אִיז אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ, וֶוערְט עֶר נָאךְ אַלְץ בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וֶוען אִיךְ נֶעם אַוֶועק פוּן אִים סַכָּנָה׳דִיגֶע זַאכְן, ווי אַ מֶעסֶער וְכַדוֹמֶה; עֶר קוּקְט אוֹיף מִיר אַזוֹי בְּרוֹגֶז׳דִיג, עֶר ווִיל מִיר זָאגְן: ׳הַלְוַאי וֶוען קֵיינֶער זָאגְט מִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן׳.

אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַלֵיינְס וָואס אִיךְ ווִיל אוֹיסְפִירְן; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט, מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַלֵיינְס ווִילְן מִיר זָאגְן: ׳הַלְוַאי וֶוען קֵיינֶער זָאגְט מִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן׳, הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ אָנְטוּן ווי אַזוֹי אִיךְ ווִיל; דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּבְּרִיעֶן אוּן נָאכְדֶעם אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז אוֹיבּ מֶען טוּט זִיךְ אָן אַנְדֶערְשׁ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, כַאפְּט מֶען אַזַא בְּרִי, דִי וֵוייטָאג אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ.

בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג ווי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן; זֵייעֶר אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ, תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער סְקוּל פְרֶעגְן מִיר כָּל מִינֵי שְׁאֵלוֹת אוֹיף צְנִיעוּת, אִיךְ פְּרוּבִּיר נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן מִשּׁוּם כַּמָּה טַעֲמִים. אֵיין זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר, פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא אוּן פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן ווִיסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן: ״בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן רַייךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וֶועלְן נָאר וָואס עֶר ווִיל״.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְסְטוּ אַ כַּלָּה אוּן נָאךְ דִי בִּיסְל, פַאר נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְסְטוּ אַ מַאמֶע, אוּן נָאכְדֶעם, נָאךְ דִי בִּיסְל אוּן נָאךְ דִי נָאךְ אַבִּיסְל אִיז נָאךְ אַבִּיסְל - וֶועסְטוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, דֶעמָאלְט ווִיל מֶען שׁוֹין נָאר אֵיין זַאךְ, דֶעמָאלְט ווִיל מֶען שׁוֹין נָאר גוּטֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, וואוֹיל, גוּט, טֵייעֶר, הֵיילִיג אוּן רֵיין? אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, מִיר וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל -

דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ בְּבָנִים הֲגוּנִים". אַז מֶען גֵייט צְנִיעוּת'דִיג אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּק אוֹיף דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יְרוּשָׁלַיִם.**

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ: "לֶךְ לְךָ" - גֵיי פַאר דִיר; גֵיי פַאר דַיין טוֹבָה.

אִין דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער לִיגְט אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד: לֶךְ לְךָ - קוּק אוֹיף דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; אוֹיבּ דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אוֹיבּ דוּ ווילְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - טָארְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר אוֹיף דִיר, לֶךְ לְךָ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַשְׁמָטָה, חֵלֶק ב') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רַק עַל יְדֵי שֶׁהָיָ' אֶחָד", נָאר ווַייל עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט, "רַק כְּאִילוּ הוּא אֶחָד בָּעוֹלָם", עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין' וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד, אוֹיבּ ווִיל מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן - נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם; סַיי אוֹיף לֵצִים אוּן סַיי אוֹיף עוֹבְדֵי הַשֵּׁם. בִּפְרַט דִי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים וָואס וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶענֶען אַסַאךְ מָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן מֶען זוּכְט צוּ טְרֶעפְן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַלְאָכִים, מֶען זוּכְט 'וואוּ זֶענֶען דִי עוֹבְדֵי הַשֵּׁם?' פוּן דֶעם קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל אַוֶועק פַאלְן; אַזוֹי הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט מִיט אַסַאךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער פוּן דִי הַיינְטִיגֶע מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָאס אַרִיבֶּער; עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים אוּן עֶר הָאט דָארְט בַּאקוּמֶען אַזַא חֲלִישׁוּת הַדַּעַת... דֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן, עֶר הָאט

מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אִים. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף 'קֵיינֶעם', נָאר נֶעמֶען דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט.

מוֹהֲרָא"ש אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט (רַגְעֵי מוֹהֲרָא"ש, סִימָן נה, נז) וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאכְן לֶערְנֶען עֶלְף יָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר גֵייט טְרֶעפְן אַ שׁוּל מִיט מַלְאָכִים, וֶוען עֶר אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים אוּן גֶעזֶען דִי לֵצִים הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; אַזוֹי גֵייט עֶס אָן אִין אַלֶע צַייטְן. דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי וִוירְטִיגֶע הַקְדָּמָה אִין לֶעבְּן פוּן לֶךְ לְךָ - קוּק אוֹיף דִיר, לֶךְ לְךָ - גֵיי דִיר דַיין וֶועג, דִין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דַיין וֶועג.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, שְׁטַארְקְט אַייךְ, יֶעדֶער הָאט זַיין זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אִים, וָואס נָאר עֶר קֶען טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְכַאפְּן פוּן אִים; דָאס זָאגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: לֶךְ לְךָ - קוּק אוֹיף דִיר, לֶעבּ מִיט דַיין נְקוּדָה.

נָאךְ אַ זַאךְ בֶּעט אִיךְ אֶענְק, גֶעדֶענְקְט וָואס דִי לְבָנָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי זוּן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - פוּנֶעם חִגֵּר): "וָואס זָארְגְסְטוּ פְרֶעמְדֶע זָארְג? מַיין זָארְג אִיז, דִי שֵׁדִים נֶעמֶען אַוֶועק מַיינֶע כֹּחוֹת, זֵיי לָאזְן מִיר נִישְׁט גֵיין, דָאס אִיז מַיין זָארְג", דָאס זָאלְט אִיר חַזֶר'ן, זָארְגְט נִישְׁט פְרֶעמְדֶע זָארְג, אוּנְזֶער זָארְג אִיז נָאר אֵיין זָארְג: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד; הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, לִיבּ הָאבְּן אַהֵיים צוּ גֵיין, זַיין אַ גוּטֶער מַאן אוּן אַ ווּאוּילֶע טַאטֶע פַאר דִי קִינְדֶער; מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט'.

הִיט אַייךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן פוּן לָשׁוֹן הָרָע, הִיט אַייךְ פוּן זָארְגְן פְרֶעמְדֶע זָארְג; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וִויל נָאר טוּן דַיין ווִילְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר".

אִיךְ וֶועל זַיין אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף - אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין פִּרְסוּם, אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אַז אִיךְ קוּם, נָאר דֶערְמָאלְט וֶועל אִיךְ זַיין בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, אוֹיבּ וֶועט זַיין אַ פִּרְסוּם וֶועל אִיךְ גֵיין נָאר קַיין יַבְנְאֵל אוּן צוּ תַּלְמִידִים

אִין שְׁטוּב.

אַנְשְׁטָאט מִיךְ מְפַרְסֵם זַיין - זַייט מְפַרְסֵם דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִינֶעם קַו, דָאס וֶועט צוּרִיק קֶערְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זַייט מְפַרְסֵם דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו וָואס אִיז מְחַיֶ' אַזוֹיפִיל אִידְן. מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ זַייט נִישְׁט מְפַרְסֵם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ דֶערְצוּ.

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ אַייךְ.

...

## אוּנְזֶער קְהִלָּה אִיז גֶעבּוֹיעֶט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצוּרִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַבָּנִית ... תְּלִיטָ"א.**

אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר לב, כב): "וִהְיִיתֶם נְקִיִּם מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל".

שׁוֹין אַ יָאר צוּרִיק הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַייעֶר בְּרוּדֶער הר"ר ... שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים זַאכְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט הַאלְטְן קַיין הַרְחָקוֹת, אִיךְ זָאג אַז הַרְחָקוֹת אִיז נָאר אַ חוּמְרָא; עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אוּן אִיר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן אַן עֵד נֶאֱמָן ..., דֶער שְׁוֶוער פוּן אֵיינֶער וָואס דַאוֶוענְט בַּיי מִיר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִיךְ הָאבּ אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ לִיגְנְט, דָאס אִיז הוֹצָאַת שֵׁם רַע, אַזוֹי ווִי עֶס וֶועלְן מֵעִיד זַיין אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, הוּנְדֶערְטֶער אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אוּן לֶערְנֶען נָאךְ אַלְץ בַּיי מִיר; אַז מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי אוּנְז אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיי אוּנְז יֶעדֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיר רִירְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, הֶער אִיךְ אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אוּן דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ. אֵיינֶער פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיין לֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי אַייךְ אִין דִי מוֹסָד (דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואלְט גֶעוָואלְט אַרַיין לֵייגְן בַּיי אוּנְז, אָבֶּער זַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז, זַיין וַוייבּ ווִיל אַן אַנְדֶערֶע חִינוּךְ; בַּיי אוּנְז לֶערְנְט

מֶען נָאר וָואס עֶס פֶעלְט אוּיס צוּ וִויסְן פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי וֶועלְטְלִיכֶע הִיסְטָארִיעֶ וְכוּ׳), הָאט מֶען זִיךְ אוּיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר קֶען נָאר שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אַייךְ אוּיבּ עֶר וֶועט אוּיפְהֶערְן פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה, וַוייל מִיר גֵייעֶן נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

פַּאר סְתַּם מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוּיף אוּנְזֶער קְהִילָה דַארְף אִיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן, אָבֶער אַייךְ וָואס אִיר פִּירְט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ קְהִילָה, אִיר הָאט אַזוֹיפִיל תַּלְמִידוֹת כֵּן יִרְבּוּ, שְׁפִּיר אִיךְ אַלְס "וִהְיִיתֶם נְקִיִּם מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל" אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיר זָאלְט וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

חַס וְשָׁלוֹם אוּיס צוּ טְרַאכְטְן אוּיף אוּנְזֶער קְהִילָה אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה; מִיר רִירְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן הֲלָכָה. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דִי פְּרִינְצִיפְּן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ גֶעבּוֹיט אוּיף רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען הֲלָכָה דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אָן קַיין פְּשָׁרוֹת, אוּן אוּיף הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה שְׁנַיידְן זִיךְ אַלֶע פְרוֹיעֶן דִי הָאר; אַסַאךְ פְרוֹיעֶן בַּיי אוּנְז זֶענֶען נִישְׁט אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת, זֵיי קוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבְ'עֶ קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען מִיט דִי הָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, נָאכְן הֶערְן אוּן לֵיינֶען וִוי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דֶעם, שְׁנַיידְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַלֶע זֵייעֶרֶע הָאר; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה.

בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה רֶעדְט מֶען קֶעגְן דִי עֵרֶב רַב; מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט טָאג אוּן נַאכְט רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם חֵלֶק מִיט דִי עֵרֶב רַב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן אוּיסְגֶע'שְׁמַד'ט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר זֶענֶען אַן עֶרְלִיכֶע קְהִילָה; מִיר הַאלְטְן שִׁיטַת רַבֵּינוּ תַּם, מִיר עֶסְן נָאר פְלֵייש פוּן דִי שְׁטְרֶענְגְסְטֶע קְהִלּוֹת; צְנִיעוּת אִיז בַּיי אוּנְז דָאס חָשׁוּבְ'סְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע, מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי פְרוֹיעֶן פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת; אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה זֶענֶען נִישְׁט קַיין תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער חִינוּךְ, זֵיי קוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע בָּתֵּי חִינוּךְ מִיט וֵוייטָאג אוּיף צְנִיעוּת, דָאס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט וָואס לִיגְט אוּיף אוּנְז, צוּ קֶענֶען טוּישְׁן זֵייעֶר בְּלִיק אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז מֶען רֶעדְט אַזֶעלְכֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס, אַז מִיר זָאגְן אוּיף הַרְחָקוֹת אַז דָאס אִיז חוּמְרוֹת, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹינְס צוּ זָאגְן; דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם"; אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן אַזַא אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט הַאלְטְן קַיין הַרְחָקוֹת, אַז דָאס אִיז נָאר חוּמְרוֹת.

וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּן אַייעֶר בְּרוּדֶער פַאר אַ יָאר צוּרִיק הָאט דָאס מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען נָאכְדֶעם זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס רֶעדְט מֶען אוֹיף מִיר, דָאס רֶעדְט מֶען אוֹיף אַ קְהִילָה וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶער שֵׁם רַע גֵייט נָאךְ אַלְץ אָן, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, יֶעדֶער אִיז צֶעטוּמְלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים; עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ לֶעבְּן אִינַאיינֶעם אָן קַיין שִׂנְאָה, אָן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, יֶעדֶער וֶועט גֵיין מִיט זֵייעֶרֶע מְסוֹרוֹת אוּן קַבָּלוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת אָן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן, אָמֵן.

...

## אַזוֹי שְׁנֶעל הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן וָואס דִי בְּרִיוּו הָאבְּן דִיר גֶעהָאלְפְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל לַאכְן אָדֶער וֵויינֶען; דוּ אַלֵיינְס וֵוייסְט דָאךְ בַּיי דִיר וִוי שְׁטַארְק דִי בְּרִיוּו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הָאבְּן דִיר גֶעהָאלְפְן, וִוי עֶס הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דַיינֶע יְסוּרִים, יֶעצְט קוּמְסְטוּ זָאגְן אַז דִי בְּרִיוּו טָאר מֶען

נִישְׁט גֶעגֶעבְּן פַּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט?! יֶעצְט זָאגְסְטוּ אַז דִי בְּרִיוו בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?! אַזוֹי שְׁנֶעל הָאסְטוּ פַּארְגֶעסְן וָואס דִי בְּרִיוו הָאבְּן דִיר גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי שְׁנֶעל הָאסְטוּ פַּארְגֶעסְן ווִי דִי בְּרִיוו הָאבְּן דִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי שְׁנֶעל הָאסְטוּ פַּארְגֶעסְן וָואס דוּ הָאסְט נֶעכְטְן גֶעטוּן?!

אִיךְ הָאבּ אַלֶע מַיינֶע יָארְן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען נֶעמְט אַרוֹיס אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי קְלִיפּוֹת, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז מְקָרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז בַּיים סוֹף דְרֵייְדְט זִיךְ אַלְץ אִיבֶּער, יֶענֶער הֵייבְּט אָן זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִים - אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי שְׁרַייבְּן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, עֶר אִיז אַ בַּעַל דִמְיוֹן וְכוּ' וְכוּ'; יֶעצְט זֶע אִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער.

שֵׂכֶל'דִיג אִיז דָאס נִישְׁט, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער חֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, דֶער כֹּהֵן וָואס שְׁפְּרִיצְט דֶעם מֵי חַטָּאת אוֹיפְ'ן טָמֵא'נֶעם מֶענְטְשׁ - עֶר וֶוערְט טָמֵא אוּן דֶער טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט רֵיין, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אוּמְפַארְשְׁטֶעְנְדְלִיךְ, דָאס אִיז אַ חֹק בְּלִי טַעַם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען קֶען דָאס זֶען בְּחוּשׁ, עֶס קוּמְט אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ, אַ טָמֵא מֵת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמב): "הִרְהוּרִים שֶׁל נִאוּף הֵם בְּחִינַת אֲבִי אָבוֹת הַטֻּמְאָה", טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, "בְּחִינוֹת מֵת", מֶען וֶוערְט טָמֵא בְּטֻמְאַת מֵת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - דַאן אִיז גָאר בִּיטֶער, וֶוען אַזַא אֵיינֶער קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן דֶער צַדִּיק פָּארֶעט זִיךְ מִיט אִים, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ, עֶר רֶעדְט זַיין שְׂפְּרַאךְ, עֶר דְרֵייְדְט אַרוּם אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אִים בִּיז עֶר פּוֹעֵל'ט בַּיי אִים עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִים דִי מֵי חַטָּאת, דִי מַיִם טְהוֹרִים, עֶר ווַייזְט יֶענֶעם אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוּן ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶונְט, עֶר ווַייזְט אִים דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פַּאסִירְט נָאכְדֶעם? יֶענֶער הֵייבְּט אָן זָאגְן אוֹיפְ'ן כֹּהֵן: "אַזוֹי רֶעדְט מֶען? אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען? אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ?"

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? ווִי קֶען מֶען אַזוֹי שְׁנֶעל פַּארְגֶעסְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן? צוּ קוּמֶען זָאגְן פַּארְ'ן צַדִּיק וָואס הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן וָואס נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווֵייסְט וָואס מֶען הָאט

גֶעטוֹן, "שֶׁאֵינוֹ לֹא מַזֶּה וְלֹא בֶּן מַזֶּה יֹאמַר לְמַזֶּה בֶּן מַזֶּה", ווִי קֶען זַיין דֶער וָואס אִיז נִישְׁט קַיין כֹּהֵן און נִישְׁט קַיין זוּן פוּן אַ כֹּהֵן קוּמְט און זָאגְט פַאר'ן כֹּהֵן (בְּרָכוֹת כח.): "מֵימֶיךָ מֵי מְעָרָה וְאֶפְרֵךְ אֵפֶר מִקְלֶה", דַיינֶע וַואסֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין כָּשֶׁר'עֶ וַואסֶער און דַיין אַשׁ אִיז נִישְׁט קַיין כָּשֶׁר'עֶ אַשׁ?!

זֹאת נֶחָמָתִי, מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "מִיר קֶענֶען זִיךְ בַּארִימֶען אַז מִיר הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְפִירְט"; כַּמָּה פְּעָמִים הָאט מִיר מוֹהֲרַ"ן"ש גֶעזָאגְט: "אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט שַׁייכוּת בַּיי מִיר און אַלֶע וָואס הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט דִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת און עֶנְדִיגְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה און לֶערְנֶען און מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכְתּוֹת אִין שַׁ"ס; מִיר הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, אֲפִילוּ מֶען שְׁלָאגְט אוּנְז וְכוּ'".

אַמָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַאר מוֹהֲרַ"ן"ש מַיינֶע יְסוּרִים, אִיךְ הָאבּ אִים דֶערְצֵיילְט אַז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס און מֶען הָאט מִיר נָאכְגֶעשְׁרִיגְן: "בִּיסְט שְׁטָאטְ'ס מְשׁוּגַע'נֶער", (הַיינְט טְרַאכְט אִיךְ: 'וָואס הָאט מִיר דָאס בִּכְלַל גֶעבַּאדֶערְט? וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר וָואס מֶען רֶעדְט?' אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט מִיר עֶס יָא וֵויי גֶעטוֹן), הָאט מִיר מוֹהֲרַ"ן"ש גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט שְׁטָאטְ'ס מְשׁוּגַע'נֶער און אִיךְ בִּין וֶועלְטְ'ס מְשׁוּגַע'נֶער"; מִיר צוּ טְרֵייסְטְן און זָאגְן: 'וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן? אוֹיף מִיר רֶעדְט מֶען אוֹיךְ'; און מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זָאלְן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ און הֲלָכָה".

זֹאת נֶחָמָתִי, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לז, ב): אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף - "כָּל מַה שֶּׁאֵרַע לְיַעֲקֹב אֵרַע לְיוֹסֵף", אַלְץ וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוֹיף יוֹסֵף; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מוֹהֲרַ"ן"ש חַזֶר'ט זִיךְ יֶעצְט אִיבֶּער, מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן דִי וָואס מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט זֵיי אַ טוֹבָה גֶעטוֹן הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף מוֹהֲרַ"ן"ש, עַד הַיּוֹם הַזֶּה זֶענֶען דָא מְפֻרְסָמִים אִין בְּרֶסְלֶב וָואס מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן, מוֹהֲרַ"ן"ש הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן ווּאוּ זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן און זֵיי שְׁטֵייעֶן און בַּארֶעדְן דִי סְפָרִים, אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט

לֶערְנֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דָאס מַאכְט מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת.

דָאס אַלֶעס חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער הַיינְט; מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי בְּרִיוו, מֶען שְׁרַייט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אוּן שְׁרַייבְּן אַזוֹי, פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט (שְׁמוֹת א, ח): "וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ ... אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא.) עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר קֶען נִישְׁט יוֹסֵף, עֶר הָאט פְּלוּצְלוּנְג פַארְגֶעסְן וָואס יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט אִים גֶעטוּן, וִוי עֶר הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן; 'יוֹסֵף' - דָאס אִיז דֶער צַדִּיק וָואס עֶר שְׁפַּייזְט יֶעדְן, עֶר הָאט חִיזוּק פַאר יֶעדְן, עֶר וַוייזְט פַאר דָרֵי מַעֲלָה אַז זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּ גֵיין אוּן פַאר דָרֵי מַטָּה וַוייזְט עֶר 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר; אֲפִילוּ דוּ זִינְדִיגְסְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, קֶענְסְטוּ נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ וִוי מֶען הָאט פַארְגֶעסְן וָואס דִי בְּרִיוו הָאבְּן גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין; אִיךְ לוֹיף אַרַיין צוּ דִי בָּחוּרִים וָואס וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיר ווִילְט פוּן מִיר הָאבְּן; טָאג אוּן נַאכְט הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ זָאגְן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען וְכוּ׳ אוּן וָואס אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן וֶועט אִיר טוּן.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אִין בְּרֶסְלֶב נִישְׁטָא, מֶען זָאגְט נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, וָואס צוּ מַאכְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מֶען בְּסַךְ הַכֹּל מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּט אַלֶעס, מַאכְט אַלֶעס אוּן פִירְט אַלֶעס.

אִיר הַאלְט מִיר אִין אֵיין שְׁרַייבְּן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וואוּ אִיר

זָאלְט וואוינֶען וְכוּ׳; יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין וֶועג פַאר אַייךְ, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט קְלָאר וָואס צוּ טוּן, הֵייבְּט אִיר אָן מוּטְשֶׁען אִיךְ זָאל אַייךְ אַנְדֶערְשׁ זָאגְן; אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיר ווילְט פוּן מִיר הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ אִיר זָאלְט טוּן וִוי אִיר פַארְשְׁטֵייט, אִיךְ זֶע אַז אִיר וֵוייסְט אַלֵיינְס וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ אוּן וואוּ אִיר זָאלְט וואוינֶען, אִיז וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר הָאבְּן?

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיר הָאט זָאלְט אִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ וֶוערְן קְלָאר, אִיר וֶועט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דָאס אִיז דִי עֵצָה, נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן בִּלְבּוּלִים, סְפֵיקוֹת אוּן נֶערְוְון וְכַדּוֹמֶה; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח): תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִשְׁעֶנֶת, אַן אָנְלֶענֶער; עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַרָאפְּפַאלְן גֵייעֶן זֵיי מִיט אַן אָנְלֶענֶער, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז תְּהִלִּים אִיז אַן אָנְלֶענֶער פַאר אוּנְז וָואס מִיר הָאבְּן מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר טוּעֶן מִיר נִישְׁט גוּט, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר פַאלְן, אֶפְשָׁר וֶועלְן זִיךְ זַאכְן נִישְׁט גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ טְרַאכְסְט אַ גַאנְצְן צַייט: ׳אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן׳, דוּ טְרַאכְסְט: ׳וֶוען גֵיי אִיךְ אַיינְשְׁלָאפְן?׳ - דָאס מַאכְט דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

לִיג אִין בֶּעט; לִיגְן אִין בֶּעט רִיט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לִיגְן אִין בֶּעט; קֶענְסְט הֶערְן שִׁיעוּרִים אָדֶער נִיגוּנִים, קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶענְסְט טְרַאכְטְן פוּן שֵׁיינֶע זַאכְן; עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ

קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר דִי זַאךְ פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שֵׁנָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן ד): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישׁוֹן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; טְרַאכְט ווִי שֵׁיין עֶס וֶועט זַיין וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג וֶוערְן.

זַיי פְרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן ווִי דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר ווִאוּילֶע עֶלְטֶערְן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט מַאכְן קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים אִין שׁוּלֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי מוֹסָד זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַאכְן נֵייעֶ מִנְהָגִים; מַאכְן אַ סִיּוּם פַאר דִי גַאנְצֶע כִּתָּה יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ מֵיידֶל עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, עֶס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ צוּלִיב כַּמָּה סִיבּוֹת; אֵיינֶער הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ זַאךְ וָואס אַלֶע מַאכְן נָאךְ.

אִין סְקוּל וֶוען אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַ סִיּוּם זָאל מֶען דָאס אוֹיסְרוּפְן אוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְן קְלַאטְשְׁן אוּן פַּאטְשְׁן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט פֶעלְזְן פֶעסְט, וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם; וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - וֶועט מֶען עֶס פַארְרֶעכְטְן; וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זַייט פֶעלְזְן פֶעסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִיבּ הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן מָרַת ...; זִי זָאגְט אַז דוּ הֶעלְפְּסְט זֵייעֶר שֵׁיין אִין סְקוּל.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אִים; מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי סְקוּל, דוּ הֶעלְפְּסְט מָרַת ... תִּחְיֶ' - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן, זָאלְסְט שְׁפִּירְן בְּשָׁעַתְ'ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אַ זִיסֶע טַעַם; זָאלְסְט שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אִין סְקוּל הֶעלְפְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין לֶעבְּן זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, דַיין לֶעבְּן זָאל זַיין אֵיין שְׁטִיק 'הֲפָצָה', אֵיין שְׁטִיק 'הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן'. אַז מָרַת ... בֶּעט דִיר זָאלְסְט קוּמֶען פְרַייטָאג הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, נָאר קוּמֶען מִיט שִׂמְחָה, וַוייל ווִיפִיל מִיר וֶועלְן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן אוֹיף וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ סִיּוּם אוֹיף תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דַיינֶע סִיּוּמִים.

...

## שֶׁעץ דִי צְנִיעוּת אוּן אֵיידְלְקֵייט פוּן דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּנְזֶער קְהִילָה זָאל זַיין אַן אֵיידֶעלֶע קְהִילָה וָואס פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דָאס צוּ טוּן דַארְף אִיךְ הָאבְּן הִילְף פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מִשְׁפָּחוֹת וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ קוּק זֵייעֶר אַרוֹיס אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ וֶועלְן זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, וֶוען מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף עֶנְק וֶועט מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט אַרָאפּ, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֵק פוּן צְנִיעוּת. אַז זִי קוֹיפְט זִיךְ אַ קְלֵייד אוּן זִי פְרֶעגְט דִיר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט אוּן שֵׁיין, זָאלְסְטוּ נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן, אִיר זָאגְן: ״בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ פְרוּמֶע?״ פַּארְקֶערְט, שֶׁעצְ אִיר צְנִיעוּת, שֶׁעצְ אִיר אֵיידְלְקֵייט.

זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן דִי לְבוּשׁ פוּן אִיר מַאמֶע; אוֹיבּ זִי ווִיל טוֹישְׁן פוּן אִיר מַאמֶע - קֶען זִי נָאר אוֹיף מֶער אֵיידְל, מֶער פָּשׁוּט, מֶער צְנִיעוּת׳דִיג.

יֶעצְט בִּיסְטוּ יוּנְג, עֶס קָאכְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר; אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ נָאר פַארְדִינֶען.

...

### זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מְגַדֵּל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אִידִישׁ נַחַת, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס; קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַז אַלֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. טְרַאכְט אַריין, וָואס הָאט מֶען פוּנֶעם לֶעבְּן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁוֶועריקֵייט, מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג - פַארְוָואס? פַאר וֶועם? זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן בִּיז מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן שׁוֹין. דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט זִיצְט מֶען אוּן מֶען וַוארְט אַז דִי טָאג זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, אָנְהֵייבְּן אוּן עֶנְדִיגְן. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דֶער לֶעבְּן אַ לֶעבְּן; וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען נָאר יוּנְגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער, מֶען הָאט וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי; אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן בַּיינַאכְט, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳, מֶען קֶען זִיךְ לֵייגְן נָאךְ מַעֲרִיב אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לֶערְנֶען.

...

## דִי טְרַאנְסְפָּארְטַאצִיֶע מוּז זַיין צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט צֶענְדְלִיגֶער מָאל אַז דִי בָּאס אוּן דִי וֶוענְס דַארְפְן זַיין צַייטְלִיךְ; דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶוערְט צֶעפָּארְן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶס אִיז נִישְׁט צַייטְלִיךְ.

שְׁפִּיל זִיךְ נִישְׁט אַרוּם מִיט דֶעם; אָדֶער קֶענְסְטוּ שְׁטֵיין אוֹיף דִי דְרַייוֶוערְס זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ אָדֶער זָאג זִיךְ אָפּ פוּן זַיין דֶער בָּאס מֶענֶעדְזְשֶער.

דִי זַאךְ פוּן שָׁאקְלֶען מִיטְ׳ן קָאפּ, יֶעדְן טָאג זָאגְן יָא יָא, עֶס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן - דָאס קֶענְסְטוּ טוּן מִיט אַ צְוֵייטְן, נִישְׁט מִיט מִיר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְבַטֵל זַיין תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

...

## אַז דוּ וֶועסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשְׁטָאט מִיר וֵויינֶען אוֹיפְ׳ן קָאפּ פַאר אַ שִׁידוּךְ - וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דוּ וֶועסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג; זָאג דִי תְּפִלָּה, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס

דַארְף צוּ זַיין, און אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אײבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל און עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם און צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, און הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חַתוּנָה הָאבְּן, און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חַתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט און אִיךְ וַוארְט און אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ ווִיל שׁוֹין חַתוּנָה הָאבְּן, און דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אײנֶער הָאט חַתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין און וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חַתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, און אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חַתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, און יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, און מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט און דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חַתוּנָה גֶעהַאט און נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל און אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חַתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס און אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט

פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַתֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַ גוּט וָוארְט הָאט מֶען אַלְץ לִיבּ צוּ הֶערְן; אִיךְ הֶער פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס, זֵיי רֶעדְן פוּן דַיין טָאכְטֶער ..., פוּן אִיר גוּט הַארְץ - אוֹיסְנַאם שֵׁיין. זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר ווִי זִי קֶען אֲפִילוּ וֵויינֶען וֶוען זִי זֶעט אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְל אִיז בְּצַעַר, זִי הָאט זֵייעֶר אַ וֵוייכֶע הַארְץ, זִי אִיז זֵייעֶר גֶעבֶּעדִיג.

שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ; יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּאוּוט מֶען אוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, נָאר וַוייל מֶען ווִיל זֶען ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן, צוּ וֶועם עֶר

וֶועט לוֹיפְן.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן פוּן צַייט צוּ צַייט דַיינֶע סִיוּמִים; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען. אַז דוּ וֶועסְט מִיר וַוייטֶער שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיוּמִים וֶועסְטוּ מִיר פְּרִישׁ מְחַיֶּ׳ זַיין.

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

...

## אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַייעֶר הָאר וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַייעֶר הָאר וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶע עִנְיָנִים; אַייעֶר קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּקְט נָאר וָואס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַייעֶר מַאן וֶועט בַּיים סוֹף נָאר הַנָאָה הָאבְּן אַז עֶר הָאט אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד מִיט דַיין זוּן׳ס מְלַמֵד לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין ווַייבּ׳ס בְּרִיוו.

זֶע צוּ רֶעדְן מִיט דַיין זוּן׳ס מְלַמֵד לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ אוּן אִים גֶעבְּן גֶעלְט פַאר׳ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע; נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן אִין אַמֶערִיקֶע, בְּלַייבּ אִין

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שְׁטוּב וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): ״מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, דֶער נָבִיא זָאגְט (שׁוֹפְטִים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים גֶעפִינֶען מִיר (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט גוּטֶע מִידּוֹת אוּן אַ בַּר דַּעַת; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען הָאבְּן אַ שְׁטוּב וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דֶער גְרוּנְד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב דַארְף זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף צַדִּיקִים, אַז נִישְׁט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; אוֹיבּ מֶען גֵייט אַלֵיינְס, מִיט דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל - אִיז בִּיטֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ שְׁטוּב גֶעבּוֹיט אוֹיף וָואס צַדִּיקִים זָאגְן.

אִיךְ הָאף אִיר נוּצְט דֶעם תְּהִלִּים וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשִׁיקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָאגְט וִויפִיל אִיר קֶענְט, אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן אַז אִיר קֶענְט זָאגְן נָאר אַבִּיסְל - זָאלְט אִיר זָאגְן וִויפִיל אִיר קֶענְט. דֶער עִיקָר, ווָאוּ אִיר גֵייט אוּן ווָאוּ אִיר שְׁטֵייט זָאלְט אִיר מִיט נֶעמֶען אַייעֶר תְּהִלִּים מִיט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

אַ שָׁאד דוּ לֵיינְסְט נִישְׁט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי וֶועכֶענְטְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת; עֶס לִיגְט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִין דִי בְּרִיוו, אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל אִין דִי בְּרִיוו. שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ וֶועסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת. יֶעצְט אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, בִּיסְט אַלֵיינְס, דוּ הָאסְט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ דִיר יֶעדְן טָאג מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג דִיר אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר דִי נִסְיוֹנוֹת - דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרְער ..., הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, קוּם צוּרִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען וַוייטֶער גֵיין; דִי וֶועג פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דִי וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים - אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

טוּ דָאס, פִיר זִיךְ מִיט דִי עֵצָה; גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ; דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט; דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיוו, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן פּוּנְקְט דִי בְּרִיוו וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִיר.

אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ דַארְף אַרַיין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**שוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי שִׁיעוּרִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ - פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִיר, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן טֵייעֶר דִי מַתָּנָה? וואוּ אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

הָאסְט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַזוֹיפִיל יָאר, הָאסְט גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים אַז מֶען דַארְף הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ אוּן מֶען דַארְף זַיין אַ סַבְלָן אִין שְׁטוּבּ, הָאסְט גֶעהֶערְט הוּנְדֶערְטֶער דְרָשׁוֹת אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי יָארְן פַאר חֲבֵרִים; יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי שִׁיעוּרִים, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז לֶעבְּן אוּן וָואס אִיז דִמְיוֹן, וָואס אִיז מִיר וִויכְטִיג אוּן וָואס אִיז אִיבְּרִיג'.

קוּם אַהֵיים, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; לָאז שוֹין אָפּ דִי צֶעדְרֵייטֶע חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף דִיר בְּעֵת צָרָה? וֶוער וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר אִין צַייט פוּן נוֹיט? - נָאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי מַתָּנָה.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, זוּךְ אִין אִיר גוּטְס, גֶעבּ אִיר גֶעלְט - וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהֵייבְּן זֶען שֶׁפַע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ", מֶען בַּאקוּמְט שֶׁפַע בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶעדֶעצִין, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק) מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...